ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office



י"א שבט תשס"ה

פרשת בשלח

טייערע קינדער שלוחים,

איך בין זיכער אז איר האט גוט אויסגענוצט דעם הייליקן טאג פון י' שבט צו פארברענגען און אננעמען גוטע החלטות אין לערנען, דאווענען, און אהבת ישראל.

ב"ה די "הוק-אפ" איז נאכאמאל געווען מיט אויסערגעווענליכע הצלחה, אדאנק צו שלוחים אופיס און די אנדערע וואס האבן שטארק געארבעט אויף דעם!!

מיר האבן געזאגט די פסוקים, געזונגען ניגונים, און געהערט ווארעמע ווערטער צווישן חסידים.

קינדער, מיר מוזן וויסן ווי גליקלאך מיר זיינען צו האבן אזא רבי וואס האט אונז אזוי שטארק ליב, און גיסט אויף אונז אזוי פיל ברכות. און מיר מוזן זיכער מאכן אויסצופירן דער רבי'ס רצון און געבן דער רבי אסאך נחת, ביז מיר וועלן שוין זען אונזער רבי מיט די גאולה האמיתית והשלימה!!

איידלה וועכטער

## א הוראה פון ט"ו בשבט

**פירות מיט קערנדלעך**

א מענטש ווערט צוגעגליכן צו א בוים ווי עס שטייט אין פסוק "**כי האדם עץ השדה**". פונקט ווי דער תכלית פון א בוים איז ארויסצוגעבן פירות, אזוי אויך דארף א איד ארויסגעבן פירות, וואס דאס זיינען מצוות און מעשים טובים.

מיר זען, אז אין די פירות וואס וואקסן אויף א בוים זיינען פאראן קערנדלאך, וואס פון זיי וואקסן דערנאך ארויס נאך ביימער, וואס גיבן ווייטער ארויס פירות וועלכע האבן קערנדלעך, און אזוי ווייטער אויף אייביק.

און אזוי דארף אויך זיין מיט די פירות - מצוות און מעשים טובים - פון א אידן, אז ס'איז ניט גענוג וואס ער טוט מצוות און מעשים טובים פאר זיך, נאר די "פירות" דארפן האבן קערנדלעך וואס מאכן וואקסן נאך בוימער, דאס מיינט, אז זיינע מעשים טובים דארפן איינווירקן אנדערע אידן, אז אויך זיי זאלן ארויסגעבן פירות, ווערן לומדי תורה ושומרי מצוות.

און פונקט ווי מיר זעען, אז וואס גרעסער דער בוים אלץ מערער פירות וואקסן ארויס פון אים, אזוי אויך דארף א איד זיך אנשטרענגען צו וואקסן וואס העכער אין אידישקייט כדי צו קענען נאך מער פארשפרייטן תורה און מצוות וואו נאר ער קען דערגרייכן און ארייננברענגען וואס מער אידן צו קיום התורה והמצוות בשמחה ובטוב לבב.

( פון דער רבי רעדט צו קינדער משיחת י"א שבט תשכ"ז: כ"א שבט תשמ"ב)

*טייערע קינדער, איר דארפט זיך טאקע שטארקן נאכמער אין אייערע פריוואטע לערנען, צוליב דעם טאג-טעגלעכן זכות וואס איר האט אלס שלוחים, צו איינווירקן אויף אנדערע!!*

## לעבן מיט דער צייט

**פרשת בשלח**

**זה א-לי ואנוהו**

היינטיקע סדרה (בשלח) ווערט אנגערופען אויפן נאמען פון דער שירה - "פרשת שירה". די שירה הויבט זיך אן דערמיט אז משה און די בני ישראל האבן געזונגען די דאזיקע שירה און האבן אזוי געזאגט: זה א-לי ואנוהו - דאס איז מיין ג-ט און איך וועל זיך באשיינען מיט אים (דערביי אנווייזנדיק מיט די פינגער).

שטייט אויף דעם אין גמרא און מדרש, אז די קינדער זיינען געווען די ערשטע וואס האבן דערקענט דעם אויבערשטן, פריער פון די אלע אידן וואס זיינען געווען מיט זיי.

דער לימוד און הוראה פון דעם פאר אלע דורות - אויך פאר אונזער דור: דורך דעם וואס קינדער גייען נאך משה'ס אנווייזונגען - מען פאלגט די עלטערן און די מלמדים, און מ'טוט אלץ וואס מען לערנט אין די ישיבות און חדרים - וועלן זיי האבן ליכטיקע אויגן צו זען ג-טלעכקייט, דערקענען דעם אויבערשטן אין אלץ וואס עס טוט זיך מיט זיי און מיט זייערע עלטערן, און אין אלץ וואס עס פירט זיך ארום זיי.

דורך דעם לערנען און היטן די סדרים פון ישיבה מיט א פרייליכקייט און התמדה און שקידה, דורך מקיים זיין דעם אויבערשטנ'ס מצוות, אין אן אופן ווי דער אויבערשטער וויל מען זאל זיי מקיים זיין, וועט זיי גוט זיין לערנענדיק אין ישיבה און אויך שפעטער במשך די גאנצע לעבן: מ'האט א גליקלעכן לעבן, און מ'וועט פארשאפן די עלטערן נחת. מ'וועט אויסוואקסן גוטע מענטשן, גוטע אידן, יראי שמים און לומדים.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער משיחת י"א שבט תש"כ)*

# דעם חסידיש'ן לוח

## י"ג שבט



יארצייט פון רביצין שטערנא שרה

רביצין שטערנא שרה איז געבארן געווארן ט"ו טבת תרי"ט אין ליובאוויטש, צו אדמו"ר יוסף יצחק (די זוהן פון דער צמח צדק) און איר מאמע חנה.

רביצין שטערנא שרה איז געווען זייער א קלוגע פרוי, און האט אסאך געהאלפן צו דער רבי רש"ב - איר מאן אין אלע זיינע הייליקע ארבעט און ספעציעל צו זיין ישיבה "תומכי תמימים".

ווען דער רבי רש"ב האט געדארפט אוועקגיין אויף א צייט, האט רביצין שטערנא שרה געהאלפן מיט זיין הייליקע פאפירן.

ווען מען איז געקומען אוועקצונעמען דער פריערדיקע רבי - איר איינציגע קינד- צו טורמע, האט זי שטארק געוויינט און געבעטן מען זאל איר נעמען אנשטאטס אים, און לאזן דער פריערדיקע רבי ווייטער צו גיין מיט זיין הייליקע ארבעט. ווען מען האט אים אבער נאך אלץ גענומען איז זי געגאנגען צום ארון קודש און האט געוויינט און געדאווענט אז ער זאל שוין צוריקומען.

ט' אדר ב', ת"ש איז רביצין שטערנא שרה געקומען מיט דער פריערדיקע רבי צו אמעריקא. זי איז ניט געווען אזוי געזונט אין די לעצטע יארן פון איר לעבן, אבער אפילו אין די לעצטע דריי חדשים ווען זי איז געלעגן אין איר בעט, האט זי נאך אלס געהיטן איר עבודה- געדאווענט דריי מאל א טאג פאמעלאך, געזאגט תהילים פאר און נאך דעווענען, און געלערנט אין מדרשים, אגדה און חסידות.

שבת קדש פרשת בשלח, י"ג שבט תש"ב האט רביצין שטערנא שרה געזאגט "היינט איז שבת שירה, בעדארף מען אנדערש דאווענען". אין מיטן דאווענען ווען זי איז אנגעקומען צו "נשמת כל חי" האט זי צוריקגעגעבן איר הייליקע, ריינע נשמה צום אויבערשטן. זי איז באגראבן געווארן אין דער בית החיים פון אגודת חסידי חב"ד אין קווינס, לעבן דעם אהל.

*קינדער, מיר דארפן לערנען פון רביצין שטערנא שרה אז אפילו ווען עס איז ניט אזוי גרינג זאל מען ווייטער טאן אונזער עבודה פון דאווענען און לערנען. לאמיר בעטן שוין אויף משיח און "והקיצו ורננו שכני עפר..והיא בתוכם"*

## משיח נאו

דער רבי זאגט (כ"א שבט תשמ"ב) אז חמשה עשר בשבט - ווען מען מאכט א ברכה אויף פירות פון ארץ ישראל– ברענגט ארויס דעם פארבונד פון יעדער אידן מיט ארץ ישראל. און דאס דערמאנט אונז אז מיט יעדער מצוה איז מען מקרב די גאולה ווען אלע אידן וועלן זיין אין ארץ ישראל - זאל עס שוין זיין נאו!!

## דערציייל מיר א מעשה

### שומר ישראל

הרה"ג הרה"ח ר' ישראל יצחק פיקארסקי, ראש ישיבה פון תומכי תמימים - 770, האט דערציילט, אז איינמאל ער האט געדארפט פארן ערגעץ וואו אויף א רייזע. ער האט געמאכט זיין טיקעטס און איז אריינגעגאנגען צו דער רבי אויף צו בעטן א ברכה פאר דעם נסיעה.

האט דער רבי געפרעגט "פארוואס בלייבסטו אזוי לאנג, אפשר קום צוריק צוויי טעג פריער." הרב פיקארסקי האט ניט פארשטאנען פארוואס דער רבי זאגט אים דאס, אבער ער האט גלייך געביטן זיין טיקעט.

נאר שפעטער האט ער פארשטאנען– ווען ער האט אויסגעפונען אז די עראפלאן וואס ער האט געדארפט נעמען איז געווען אין א קאטאסטראפע, און אלע מענטשן זיינען גע'הרג'ט געווארן!

*קינדער מיר קענען זיין פארזיכערט אז דער רבי איז מיט אונז און היט אויף אונז אלעמאל!!*



A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, ט"ז שבט, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)

# שאלות

# פרשת בשלח

י"ג בשבט

ט"ו בשבט

1. ווען איז רביצין שטערנא שרה געבארן געווארן? ________________
2. וואו איז זי געבארן געווארן? ________________________________
3. ווער איז געווען די זיידע פון רביצין שטערנא שרה? ______________
4. וואס איז געווען איין פון אירע ספעציעלע מעלות? _______________
5. ווען איז זי געקומען אין אמעריקא? ___________________________
6. וועלכע שבת איז זי אוועק? _________________________________
7. ווער זיינען געווען די ערשטע צו זען ה' ביי קריעת ים סוף? _________

________________________________________________________

8. וואס זיינען די פירות פון אידן? ____________________________
9. וואס זיינען די קערנדלאך? _________________________________
10. צוליב וואס טראכט מען וועגן ארץ ישראל אויף ט"ו בשבט? ______

________________________________________________________

**די קינד וואס האט געוואונען—פרשת בשלח: מנחם מענדל אלטיין, 11**

נאמען: ________________________ ווי אלט: ____

אדרעס: ____________________________________

אי-מייל: ___________________________________

# הצלחה רבה!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org